STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05052

# DI MESHIEHISHE EMUNE

Martin Luther

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Julius & Anita Graber*
*in honor of*
*Fannie Wine & Lena Tobol*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די משיחישע אמונה

לויט

דר. מאַרטין לוטהער'ס

## קליינעם קאַטעכיזם

אידיש דורך

חיים איינשפּרוך

THE ...LOGICAL SEMINA... OF ...RICA LIBR... JEWISH

THE UNITED LUTHERAN CHURCH
IN AMERICA.

151337

# אַן אַריינפיהר

פאַר עטליכע אַכציג מיליאָן מענשען שפּילט לוטהער׳ס קליינער קאַטעכיזם פּונקט אַזאַ ראָליע ווי די שלשה עשר עקרים ביי אידען. אַלס אַ לעהר־בוך אויפ׳ן געביעט פון רעליגיע האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט. די סטרוקטור זיינע איז אַן איינפאַכע, געבויט אויף פראַגען און ענטפערס, אַזוי אַז דער מיין פון אַ וואָרט אָדער פון אַ זאַץ בלייבט ניט פאַרהוילען אין סודי סודות, נאָר איז קלאָר און פאַרשטענדליך.

ווען מען נעמט אין באַטראַכט אַז אָט דאָס קליינע ספרל איז איבערזעצט געוואָרען אין מעהר פון הונדערט שפּראַכען און דיאַלעקטען—אויך אין העברעאיש—קאָן מען זיך גליך שאַפען אַן השגה פון זיין באַדייט און וויכטיגקייט. אין די וויטעסטע סטעפּעס פון סיביר, אונטער די ברענענדע זון־שטראַהלען פון אינדיען, אין יאַפּאַן, כינאַ, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ארץ ישראל—אומעטום קאָן מען איהם געפינען, איבעראַל ווערט ער געלעזען און שטודירט.

פיער הונדערט יאָהר זענען שוין פאַריבער זינט דער גרויסער רעפאָרמאַטאָר, לוטהער, האָט איהם פאַרפאַסט. די אייגענטליכע סבה וואָס האָט איהם ארויסגערופען איז געווען דאָס עם־הארצות פון פאָלק אין די סאַמע עלעמענטאַרע יסודות פון דער משיחישער אמונה. די פּריסטער און די קירך האָבען דאָס פאָלק געהאַלטען פאַר-

שקלאַפּט אין ניט וויסען; אין אַ חושך־מצרים האָט זיך די וועלט געפונען איידער לוטהער איז אַריין אויף דער היס־טאָרישער אַרענאַ. אַנשטאָט אַ פּרעה׳ן האָט לוטהער געהאַט צו טאָן מיט אַ פּאַפּסט וואָס האָט ניט געוואָלט אַז דער גייסט פון׳ם מענשען זאָל זיין פריי.

לוטהער׳ס פּראָטעסט אַנטקעגען דעם שקר פון פּאַפּסט און די קאַטוילישע קירך האָט סוף־כל־סוף געפירט צו יע־נע מעכטיגע באַוועגונג, דעם פּ ר אָ ט ע ס ט א נ ט י ז ם, וואָס האָט אויף אייביג געבראָכען די טיראַניי פון דער פּאַפּסטליכער ממשלה. לוטהער איז אָבער ניט געווען בלויז אַ צושטערער, ער האָט אויך געבויט, און דער וויכ־טיגסטער אויפטו זיינער איז וואָס ער האט דאס קריס־טענטום צוריקגעבראַכט צום מקור, צו די כתבי הקדש, און צום אמת׳ען מהות פון משיחות.

מעג די אידישע איבערזעצונג פון לוטהער׳ס מייסטער־ווערק ווערען צו אַ ברכה אויך פאַר אונזער פאָלק, פונקט ווי עס איז געווען פאַר מיליאָנען מענשען אין׳ם משך פון די יאָר־הונטערטער און איז עס נאָך עד היום.

—ח י י ם א י י נ ש פ ר ו ך.

ערשטער טייל

# די עשׂרת הדבּרות

איך בּין יהוה דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגע־צויגען פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכט־שאַפט.

זאָלסט ניט האָבּען אַנדערע געטער לעבּען מיר. זאָלסט דיר ניט מאַכען אַ געשניץ, אָדער אַ שום גע־שטאַלט פון וואָס אין הימעל אויבּען, אָדער וואָס אויף דער ערד אונטען, אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד. זאָלסט זיך ניט בּוקען צו זיי, און זאָלסט זיי ניט דיענען; וואָרום איך יהוה דיין גאָט בּין אַ צערנדיגער גאָט, וואָס רעכען זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער, מיט'ן דריטען און פירטען דור פון די וואָס האָבּען מיך פיינט, און טו חסד מיט'ן טויזענדסטען גליעד פון די וואָס האָבּען מיך ליעבּ, און פון די וואָס היטען מיינע געבּאָט.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען מורא האָבּען פאַר גאָט מעהר ווי

פאַר עפּעס אַנדערש, איהם ליעבּען און אויף איהם פאַר־
טרויען.

זאָלסט ניט אַרויספּרעננגען דעם נאָמען פון יהוה
דיין גאָט צום פאַלשען, וואָרום יהוה שענקט ניט דעם
וואָס בּרענגט אַרויף זיין נאָמען צום פאַלשען.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אזוי מורא האָבּען פאַר גאָט און
איהם ליעבּען אז מיר זאָלען בּיי זיין נאָמען ניט שעלטען,
ניט שווערען, ניט כשוף מאַכען, ניט ליגען זאָגען אָדער
בּאַשווינדלען, נייערט צו איהם רופען אין א יעדער נויט,
צו איהם תפילה טאָן, און איהם לויבּען און דאַנקען.

געדענק דעם טאָג פון שבּת, איהם צו האַלטען
הייליג. זעקס טעג זאָלסטו אַרבּייטען, און טאָן אַלע
דיינע מלאָכות; אָבּער דער זיבּעטער טאָג איז שבּת
צו גאָט דיין האַר, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאָכה, דו,
און דיין זוהן, און דיין טאָכטער; דיין קנעכט און דיין
דיענסט, און דיין בּהמה, און דיין פרעמדער וואָס אין
דיינע טויערען. וואָרום אין זעקס טעג האָט גאָט
געמאַכט דעם הימעל און די ערד, דעם ים, און אַלץ
וואָס אין זיי, און אויפ'ן זיבּעטען טאָג האָט ער גע־
רוהט; דרום האָט גאָט געבּענשט דעם טאָג פון שבּת,
און האָט איהם געהייליגט.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אזוי מורא האָבען פאַר גאָט און איהם ליעבען אַז מיר זאָלען ניט פאַראַכטען זיין וואָרט און די דרשה דערפון, נייערט עס האַלטען פאַר הייליג, עס הערען און לערנען מיט כונה.

**האַלט בכבוד דיין פאָטער און דיין מוטער, כדי דיינע טעג זאָלען זיך לענגערען אויף דער ערד וואָס גאָט דיין האַר גיט דיר.**

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אזוי מורא האָבען פאַר גאָט און איהם ליעבען אַז מיר זאָלען אונזערע עלטערן און עלצטע ניט פאַראַכטען אָדער דערצערנען, נייערט זיי האַלטען בכבוד, זיי ריענען און פאָלגען, ליעבען און שעצען.

**זאָלסט ניט הרג׳ענען.**

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אזוי מורא האָבען פאַר גאָט און איהם ליעבען אַז מיר זאָלען אונזער חבר ניט טאָן קיין שום שלעכטס אָדער איהם אָנמאַכען יסורים, נייערט איהם העלפען און באַפריינדען אין אַ יעדער נויט.

**זאָלסט ניט מזנה זיין.**

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אזוי מורא האָבען פאַר גאָט און איהם ליעבען אז מיר זאָלען לעבען צנועה'דיג און ריין סיי אינ'ם רעדען סיי מיט אונזערע מעשים, און מאַן און ווייב זאָלען זיך איינער דעם אַנדערן ליעב האָבען און האַלטען בכבוד.

## זאָלסט ניט גנב'ענען.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אזוי מורא האָבען פאַר גאָט און איהם ליעבען אַז מיר זאָלען ניט באַרויבען אונזער חבר זיין געלד אָדער זיין אייגענטום, אָדער דורך אַ פאַלשען מסחר אָדער שווינדעל זיי מאַכען פאַר אונזער אייגענס, נייערט איהם באַהילפיג זיין און באַשיצען זיין אייגענטום און פרנסה.

## זאָלסט ניט זאָגען אויף דיין חבר פאַלשע עדות.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אזוי מורא האָבען פאַר גאָט און איהם ליעבען אַז מיר זאָלען אונזער חבר ניט אָפּנאַרען מיט פאַלשקייט, איהם פאַראַטען, אָדער אויף איהם אויס־רעדען אַלדאָס־בייז, נייערט איהם פאַרטיידיגען, און פון

איהם רעדען נאָר גוטס און אַלץ אויסטייטשען איהם לטובה.

### זאָלסט ניט גלוסטען דיין חבר'ס הויז.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אַזוי מורא האָבען פאַר גאָט און איהם ליעבען אַז מיר זאָלען ניט דורך שווינדעל אויס־נאַרען אונזער הבר'ס ירושה אָדער הויז, אָדער זיי זוכען אַריינצוקריגען אויף אַ פאַלשען געזעצליכען אופן, נייערט איהם העלפען ער זאָל זיי אָנהאַלטען.

### זאָלסט ניט גלוסטען דיין חבר'ס ווייב, אָדער זיין קנעכט, אָדער זיין דיענסט, אָדער זיין אָקס, אָדער זיין אייזעל, אָדער וואָס נאָר עס איז דיין חבר'ס.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר זאָלען אַזוי מורא האָבען פאַר גאָט און איהם ליעבען אַז מיר זאָלען ניט אָפּרעדען אונזער הבר'ס ווייב, זיינע קנעכט, אָדער בהמות, נייערט זעהן אַז זיי זאָלען מיט איהם בלייבען און טאָן זייער פליכט.

וואָס זאָגט גאָט וועגען די אַלע מצוות?

ענטפער: ער זאָגט: איך יהוה דיין גאָט בין אַ צערנ־דיגער גאָט, וואָס רעכען זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס

מיט די קינדער, מיט'ן דריטען און מיט'ן פירטען דור פון די וואָס האָבען מיך פיינט, און טו חסד מיט'ן טויזענדס־טען גליעד פון די וואָס האָבען מיך ליעב, און פון די וואָס היטען מיינע געבאָט.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: גאָט וואָרענט צו באַשטראָפען אַלע וואָס פאַרשוועכען דידאָזיגע מצוות. מיר דאַרפען זיך דעריבער היטען פאַר זיין צאָרן און אויף זיי ניט עובר זיין. און ער זאָגט צו חסד און אַלדאָס־גוטס צו אַלע וואָס זענען זיי מקיים. מיר דאַרפען איהם דעריבער ליעבען און איהם דיענען, און מיט שמחה מקיים זיין די מצוות זיינע.

צווייטער טייל

# דער אני מאמין

ערשטער ארטיקעל—די באשאפונג.

## איך גלויב אין אל שדי דעם פאטער, דעם בורא פון הימעל און ערד.

וואס מיינט דאס?

ענטפער: איך גלויב אז גאט האט מיך באשאפען צו־זאמען מיט אלע בריאים; מיר געגעבען א גוף און א נשמה, אויגען און אוירען, אברים, שכל און אלע חושים מיינע, און אז ער באקליידט און באשיצט מיך, און פארזארגט מיך מיט שפייז און טראנק, מיט הויז און הויף, מיט ווייב און קינד, מיט פעלד, בהמות, און מיט אלץ וואס איך נוי־טיג זיך טעגליך אום מיין לעבען צו דערהאלטען, און אז ער באשוצט מיך פון א יעדער סכנה, און באהיט און באַ־שירעמט מיך פון בייזען; און טאן טוט ער דאס אוים לויטער פאטערליכע און געטליכע גוטסקייט און רחמנות; און ניט צוליב מיין אייגענעם זכות אדער וויל איך בין עס ווערט; פאר דעם אלעם בין איך איהם מחויב צו דאנקען און ליבען, איהם דיענען און פאלגען. דאס איז אמת ויצב.

און אין ישוע המשיח זיין בן יחיד, אונזער האַר, וואָס איז מעוברת געוואָרען פון רוח הקודש, געבאָרען פון דער יונג־פרוי מרים; געליטען אונטער פּאָנטיוס פּילאַטוס, איז געוואָרען געקרייציגט, איז געשטאָרבען און באַגראָבען געוואָרען, האָט אַראָפּגענידערט אין שאול אַריין, און אויפ'ן דריטען טאָג איז ער ווידער אויפגעשטאַנען פון די טויטע, איז אַרויף אויפ'ן הימעל און האָט זיך געזעצט צו דער רעכטער האַנט פון גאָט, דעם אַלמעכטיגען פאָטער, פון וואַנען ער וועט ווידער קומען צו משפט'ן די לעבעדיגע און די טויטע.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: איך גלויב אַז ישוע המשיח איז באמת גאָט, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען פונ'ם פאָטער אין סאַמע אָנהייב, און אַז ער איז אויך אַז אמת'ער מענש, וואָס איז געבאָרען געוואָרען פון דער יונג־פרוי מרים, איז מיין האַר; ער האָט מיך, אַ פאַרלוירענע און פאַר'משפט'ע בריאה דערלייזט, מיך געקויפט און באַפרייט פון אַלע זינד, פון טויט און פונ'ם שטן'ס מאַכט; ניט מיט זילבער אָדער גאָלד, נייערט מיט זיין הייליג און טייער בלוט, און מיט זיין בחנם'דיגען לײדען און טויט; כדי איך זאָל קאָנען זיין זיין אייגענס, לעבען אונטער איהם אין זיין מלוכה, און איהם דיענען אין אייביגער גערעכטיגקייט, אין אומ־

שולד, און אויף א געבענשטען אופן, פונקט ווי ער איז אויפגעשטאנען פון די טויטע, און לעבט און הערשט אויף אייביג. דאס איז אמת ויצב.

## דריטער ארטיקעל—קדושה

**איך גלויב אינ'ם רוח הקודש, די הייליגע משיחישע קהלה, די געמיינשאפט פון קדושים; דאס פארגעבען פון זינד; די אויפארשטעהונג פון גוף, און אינ'ם אייביגען לעבען. אמן.**

### וואס מיינט דאס?

ענטפער: איך גלויב אז מיט מיין אייגענעם שכל און כח קאן איך ניט גלויבען אדער קומען צו ישוע המשיח מיין האר; נייערט דער רוח הקודש האט מיך בארופען דורך די בשורה טובה, און דורך זיינע מתנות האט ער מיך אויפגעקלערט, מיך געהייליגט און דערהאלטען אינ'ם אמת'ן גלויבען; אויפ'ן זעלבען אופן טוט ער רופען, זאמלען, אויפקלערען, און הייליגען די גאנצע משיחישע קהלה אויף דער ערד, און האלטען האלט ער זי פאראייניגט מיט ישוע המשיח אינ'ם אמת'ען גלויבען; און אין דערדאזיגער משיחישער קהלה איז ער מיר טאג־טעגליך מוחל מיינע זינד, און די זינד פון אלע מאמינים, און אינ'ם לעצטען טאג וועט ער מיך אויפוועקען צוזאמען מיט אלע טויטע, און שענקען חיי עולם צו מיר און צו יעדען וואס גלויבט אין משיח. דאס איז אמת ויצב.

דריטער טייל

# די תפילה פונ'ם האַר

דער אריפיהר

## אונזער פאָטער אין הימעל.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: גאָט גיט אונז מוטה צו גלויבען אַז ער איז אין אמת'ען אונזער פאָטער, און אַז מיר זענען באמת'דיג זיינע קינדער, כדי מיר זאָלען צו איהם קומען מיט קוראַזש און מיט בטחון אין געבעט, פונקט ווי טייערע קינדער קומען צו זייער ליעבען פאָטער.

די ערשטע בקשה

## געהייליגט זאָל ווערען דיין נאָמען.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: גאָט'ס נאָמען איז הייליג פון זיך גופא; מיר בעטען אָבער אין דער בקשה אַז ער זאָל אויך געהייליגט ווערען צווישען אונז.

ווי אַזוי געשעהט דאָס?

ענטפער: ווען גאָט'ס וואָרט ווערט געלערענט אמת'דיג און קלאָהרליך און מיר, גאָט'ס קינדער, לעבען לויט איהם א הייליג לעבען. שענק אונז דאָס, טייערער פאָטער אין הימעל! דער אָבער וואָס לערענט און לעבט אַנדערש ווי גאָט'ס וואָרט לערענט, פאַרשוועכט גאָט'ס נאָמען צווישען אונז. באַשירעם אונז דערפון, הימלישער פאָטער!

די צווייטע בקשה

## דיין מלוכה זאָל קומען.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מלכות האלהים קומט פון זיך גופא, אָהן אונזער בעטען; מיר בעטען אָבער אין דער בקשה אַז עס זאָל אויך קומען פאַר אונז.

ווי אַזוי געשעהט דאָס?

ענטפער: ווען אונזער הימלישער פאָטער גיט אונז זיין רוח הקודש, אַזוי אַז דורך זיין חסד גלויבען מיר אין זיין הייליג וואָרט, און לעבען אַ געטליך לעבען דאָ אויף דער ערד, און דערנאָך אויף אייביג אין הימעל.

די דריטע בקשה

## דיין ווילען זאָל געטאָן ווערען אויף דער ערד, פונקט ווי ער ווערט אין הימעל.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: גאָט'ס גוטער און געפעליגער ווילען ווערט געטאָן אָהן אונזער בעטען; מיר בעטען אָבער אין דער בקשה אַז ער זאָל אויך געטאָן ווערען צווישען אונז.

ווי אַזוי געשעהט דאָס?

ענטפער: ווען גאָט צושטערט און מאַכט צונישט אַ יעדע שלעכטע עצה און צוועק פון שטן, די וועלט און אונזער פלייש, וואָס וואָלטען אונז שטערען מקדש־השם זיין, און הינדערן דאָס קומען פון זיין מלוכה; און ווען ער שטאַרקט און דערהאַלט אונז אין זיין וואָרט ביז'ן סוף. דאָס איז זיין גוטער און געפעליגער ווילען.

די פירטע בקשה

## גיב אונז היינט אונזער טעגליך ברויט.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: גאָט גיט טעגליך ברויט צו אַלע מענשען, אַפילו צו רשעים, אָהן אונזער בעטען; מיר בעטען אָבער אין דער בקשה אַז ער זאָל אונז מאַכען אַנערקענען אַז אונזער טעגליך ברויט איז זיין מתנה, און אַז מיר זאָלען עס אָננעמען מיט דאַנקבאַרקייט.

וואָס פאַרשטעהן מיר מיט'ן טעגליכען ברויט?

ענטפער: אַלץ וואָס איז נויטיג צופרידען צו שטעלען

אונזער גוף, ווי למשל עסען און קליידער, הויז און הויף, פעלדער און בהמות, געלד און האָב־און־גוטס; פרומע עלטערן, קינדער, און דיענער; פרומע און געטרייע רעגיע־רער, א גוטע רעגיערונג, גוט וועטער, שלום און געזונט; אָרדענונג און כבוד; טרייע פריינט, גוטע שכנים, א. אז. וו.

### די פיפטע בקשה

**און זיי אונז מוחל אונזערע חובות, פונקט ווי מיר זענען מוחל די וואָס פאַרשולדיגען זיך אַנטקעגען אונז.**

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר בעטען אין דער בקשה אַז אונזער הימ־לישער פאָטער זאָל ניט קוקען אויף אונזער זינד און צוליב זיי ניט אָננעמען אונזערע תפילות; וואָרום מיר פאַרדיענען ניט און זענען ניט ווערט וואָס מיר בעטען; נייערט שענ־קען זאָל ער אונז אַליץ פון וועגען זיין גנאָד, הגם מיר פאַר־זינדיגען זיך טעגליך, און זענען ניט ווערט מעהר ווי גע־שטראָפט צו ווערען. מיר פון אונזער זייט וועלען פון האַרצען מוחל זיין, און גערן טאָן גוטס צו די וואָס פאַר־זינדיגען זיך אַנטקעגען אונז.

### די זעקסטע בקשה

**און בּרענג אונז ניט אין אַ נסיון.**

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: גאָט מאַכט קיינעם ניט צום זינדיגען; מיר בעטען אָבער אין דער בקשה אַז גאָט זאָל אונז אַזוי באַשיצען און באַהיטען, אַז דער שטן, די וועלט און אונזער פלייש, זאָלען אונז ניט אָפּנאַרען אָדער ברענגען אין טעות און אין אומגלויבען; אין פאַרצווייפלונג אָדער אין אַנדערע גרויסע מיאוסע זינד; נאָר אויב מיר זאָלען יאָ אַזוי געשטרויכעלט ווערען, זאָלען מיר סוף כל סוף מנצח זיין און געווינען דעם זיעג.

די זיבעטע בקשה

נייערט זיי אונז מציל פון שלעכטען.

וואָס מיינט דאָס?

ענטפער: מיר בעטען אין דער בקשה, בקצור, אַז אונזער הימלישער פאָטער זאָל אונז מציל זיין פון אַלערליי שלעכטס, צו ס'איז נוגע דעם גוף אָדער די נשמה, אונזער האָב־און־גוטס אָדער גוטען שם, און צום סוף, ווען די שעה פון טויט קומט אָן, זאָל ער אונז שענקען אַ גליקליכען סוף, און מיט חסד אונז צונעמען פון דעמדאָזיגען יאָמערטאָל צו זיך אין הימעל אַריין.

דער שלום

וואָרום דיין איז די מלוכה, און די גבורה, און דער כבוד, פון אייביג ביז אייביג. אָמן.

וואָס פאַרשטעהן מיר מיטין וואָרט „אָמן"?

ענטפער: עס מיינט דאָס איך קאָן זיין זיכער אַז אַזעלכע בקשות ווערען אָנגענומען ביי אונזער פאָטער אין הימעל, און ווערען פון איהם געהערט; וואָרום ער גופא האָט אונז באַפוילען תפילה צו טאָן אויף אַזאַ אופן, און צוגעזאָגט אונז צו הערען. אָמן ואָמן, דאָס הייסט, יאָ, יאָ, אַזוי זאָל עס זיין.

פירטער טייל

# דאָס סאַקראַמענט*) פון טבילה

---

## א

### וואָס איז טבילה?

ענטפער: טבילה איז ניט בלויז וואַסער, נייערט וואַסער וואָס ווערט געברויכט לויט גאָט׳ס באַפעהל און איז פאַר־אייניגט מיט גאָט׳ס וואָרט.

וואָס אייגענטליך איז גאָטיס וואָרט?

ענטפער: עס איז דאָס וואָרט פון אונזער האַר ישוע המשיח, לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין לעצטען קאַפּיטעל פון די בשורה פון מתיא: „געהט און מאַכט פאַר תלמידים אַלע פעלקער, טובל׳ענדיג זיי אין נאָמען פון פאָטער און פון זוהן און פון רוח הקודש.״

---

*) א סאקראמענט איז א הייליגע עבודה אין די משיחישע קהלה וואס פארבינדט דעם גייסט פון מאמין מיט דעם גייכט פון ישוע המשיח.

ב

## וואָס פאַר אַ מתנות אָדער נוצען גיט די טבילה?

ענטפער: זי גיט אונז סליחת עונות, ז'איז מציל פון טויט און פונ'ם שטן, און שענקט אייביגע ישועה צו אַלע וואָס גלויבען, אַזוי ווי דאָס וואָרט און די הבטחה פון גאָט באַהויפּטען.

וואָס אייגענטליך איז דאָס וואָרט און די הבטחה פון גאָט?

ענטפער: עס איז דאָס וואָרט פון אונזער האַר ישוע המשיח, לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין לעצטען קאַפּיטעל פון די בשורה פון מאַרקוס: „דער וואָס גלויבט און ווערט גע'טובל'ט וועט נצול ווערען; אָבער דער וואָס גלויבט ניט וועט פאַר'משפּט ווערען."

ג

## ווי קאָן וואַסער אויפטאָן אַזעלכע גרויסע זאַכען?

ענטפער: ס'פאַרשטייט זיך, עס איז ניט וואַסער וואָס טוט אויף אַזעלכע גרויסע זאַכען, נייערט דאָס וואָרט פון גאָט, אינאיינעם מיט'ן וואַסער, און אונזער בטחון וואָס שטיצט זיך אויף דעמדאָזיגען וואָרט פון גאָט. דען אָהן גאָט'ס וואָרט איז עס בלויז וואַסער און ניט קיין טבילה, דאָס הייסט, אַ געפעליג מים־חיים און אַ וואַשען פון באַ־נייאונג דורך דעם רוח הקודש, לויט ווי פּולוס הקדוש

זאָגט צו טיטוס'ן, אין דריטען קאַפּיטעל: „לויט זיין חסד האָט ער אונז מציל געווען, דורך דעם וואַשען פון באַניי־אונג אינ'ם רוח הקודש, וועלכען ער האָט אויף אונז אויס־געגאָסען מיט אַזאַ שפע, דורך ישוע המשיח אונזער גואל; אַזוי אַז זייענדיג גערעכטפאַרטיג דורך זיין חסד, זאָלען מיר קאָנען ווערען יורשים לויט די האָפנונג פון אַן אייביג לעבען. דאָס איז אַן אמת וואָרט.״

## ד

## וואָס באַדייט אַזאַ טבילה פון וואַסער?

ענטפער: עס הייסט אַז דער אַלטער אָדם אונזערער, צוזאַמען מיט אונזער זינד און תאוות, זאָל דערטרונקען ווערען דורך טעגליכע חרטה און תשובה, און זאָל געטויט ווערען; און דער נייער מענש זאָל טעגליך אויפ־שטיין, צו לעבען פאַר גאָט אין אייביגע גערעכטיגקייט און קדושה.

וואו שטעהט דאָס געשריבען?

ענטפער: פּולוס הקדוש זאָגט אין זעקסטען קאַפּיטעל פון בריף צו די רוימער: „דורך די טבילה זענען מיר מיט'ן משיח באַגראָבען צום טויט, כדי אַזוי ווי ער איז אויפגעשטאַנען פון די טויטע דורכ'ן פאָטער'ס כבוד, אַזוי זאָלען מיר אויך וואַנדלען אין באַנייטען לעבען.״

# ווענען מתודה זיין

וואָס מיינט מתודה זיין?

ענטפער: מתודה זיין באַשטעהט פון צוויי חלקים: צוערשט זענען מיר מתודה אונזער זינד, דערנאָך נעמען מיר אָן מחילה אָדער פאַרגעבונג פונ׳ם ראש פון דער קהלה אזוי ווי פון גאָט גופא; מיר דאַרפען ניט צווייפלען, נייערט באמת גלויבען, אַז אונזער זינד איז פאַרגעבען פאַר גאָט אין הימעל.

וועלכע זינד זאָלען מיר מתודה זיין?

ענטפער: פאַר גאָט זאָלען מיר זיך דערקלערען שולדיג אויף אַלע מיני זינד, אפילו אויף די פון וועלכע מיר ווייסען ניט, ווי מיר טאָן עס אין די ת פ י ל ה פ ו נ ׳ ם ה א ר. פאַר׳ן ראש פון דער קהלה זאָלען מיר מתודה זיין נאָר ד י זינד פון וועלכע מיר ווייסען און שפּירען אין אונזער האַרצען.

וואָס זענען אַזעלכע זינד?

ענטפער: אונטערזוך זיך אינ׳ם ליכט פון די ע ש ר ת ה ד ב ר ו ת צו דו ביזט אַלס פאָטער אָדער מוטער, זוהן אָדער טאָכטער, בעל הבית אָדער דיענער, געווען אומגע־האָרכזאַם, ניט געטריי, פויל, א בעל כעס׳ן, ניט צנוע׳דיג, קריגעריש, אָדער צו דו האָסט וועמען ווי געטאָן מיט א וואָרט אָדער א טהאַט, צו דו האָסט באַ׳גנב׳עט, פאַרנאַכ־לעסיגט, עפּעס צושטערט, אָדער באַגאַנגען אַן אַנדער שלעכטס.

פיפטער טייל

# דאָס סאַקראַמענט פון אַלטאַר

## (סעודת האָדון)

## א

### וואָס איז דאָס סאַקראַמענט פון אַלטאַר?

ענטפער: עס איז דער אמת'ער גוף און בלוט פון אונזער האר ישוע המשיח, אונטערן ברויט און וויין, וואָס ווערט אונז משיחיים געגעבען צו עסען און צו טרינקען, לויט ווי ישוע גופא האָט עס מסדר געווען.

וואו שטעהט דאָס געשריבען?

ענטפער: די היילינע מבשרים, מתיא, מארקוס, לוקאס, צוזאַמען מיט פּולוס הקדוש שרייבען בזה הלשון:

„אונזער האר ישוע המשיח, אין דער נאַכט ווען ער איז פאַראַטען געוואָרען, האָט גענומען ברויט, און ווען ער האָט געהאט געמאַכט אַ ברכה האָט ער דערפון אָפּגעבראָכען און עס געגעבען צו זיינע תלמידים, און געזאָגט: ‚נעמט, עסט; טוט דאָס צו מיין אָנדענק.'

„אויפ'ן זעלבען אופן האָט ער אויך גענומען דעם כוס, און ווען ער האָט פון איהם אַ זיפּ געטאָן און געמאַכט אַ

בּרכה, האָט ער איהם זיי דערלאַנגט, און געזאָגט: ,טרינקט פון איהם אַלע; דערדאָזיגער כוס איז דער נייער בּרית אין מיין בּלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסען פאַר אייך, און פאַר פיעלע, פאַר סליחת עונות; טוט דאָס, ווען איהר טרינקט עס, צו מיין אָנדענק.׳״

### בּ

## וואָס ניצט אַזאַ עסען און טרינקען?

ענטפער: דאָס ווערט אָנגעוויזען אין די ווערטער: „געגעבּען און פאַרגאָסען פאַר אייך פאַר סליחת עונות.״ דורך דידאָזיגע ווערטער ווערט אונז אינ׳ם סאַקראַמענט געגעבּען סליחת עונות, לעבּען און דערלייזונג; וואָרום דאָ וואו עס איז דאָ סליחת עונות, דאָרטען איז אויך לעבּען און דערלייזונג.

### ג

## ווי אַזוי קאָן דאָס לייבּליכע עסען און טרינקען האָבּען אַזאַ גרויסע פּעולה?

ענטפער: דאָס בּלויסע עסען און טרינקען קאָן עס ניט האָבּען, נאָר די ווערטער: „געגעבּען און פאַרגאָסען פאַר סליחת עונות.״ וואָרום אַ חוץ דעם לייבּליכען עסען און טרינקען זענען די ווערטער די הויפּטזאַך אינ׳ם סאַקראַ־מענט; און דער וואָס גלויבּט אין זיי האָט טאַקע וואָס זיי זאָגען און בּאַהויפּטען, דהינו, סליחת עונות.

## ד

## ווער'זשע דען איז ראוי צו באַקומען דאָס סאַקראַמענט?

ענטפער: פאַסטען און קערפּערליך זיך צוגרייטען איז אַ גוטע אויסערליכע דיסציפּלינע, אָבער גוט צוגעגרייט איז נאָר יענער וואָס גלויבט אָן די ווערטער: „געגעבען אונז פאַרגאָסען פאַר אייך פאַר סליחת עונות." דער אָבער וואָס גלויבט דידאָזיגע ווערטער ניט, אָדער ער איז אין זיי מסופּק, איז ניט ראוי און איז ניט צוגעגרייט, וואָרום די ווערטער: „פאַר אייך," פאָדערן אמת גלויביגע הערצער.

LUTHER'S

# SMALL CATECHISM

YIDDISH TRANSLATION

BY

HENRY EINSPRUCH

THE UNITED LUTHERAN CHURCH
IN AMERICA.

151227